**איף תיכף ארויסצוגעבן:**10/21/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

## גאווערנאר קעטי האוקאל אנאנסירט אנהויב פון תקופה ווען אפליקאציעס ווערן אנגענומען פאר די קומענדיגע רונדע פון גרענטס צו פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע פארברעכנס

***25 מיליאן דאלאר דא צו באקומען דורך די אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס צו שטיצן געביידע סעקיוריטי און טרענירונג פראיעקטן***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון די תקופה ווען אפליקאציעס וועלן אנגענומען ווערן פאר 25 מיליאן דאלאר אין גרענטס צו פארשטערקערן די זיכערהייט און סעקיוריטי מיטלען ביי געביידעס פון נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציעס וועלכע זענען אין געפאר פון האסע פארברעכנס אדער אטאקעס צוליב זייער אידעאָלאגיע, גלויבונגען אדער מיסיעס. די געלטער ווערן אויסגעטיילט דורך די 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע פארברעכנס' ( Securing Communities Against Hate Crimes, SCAHC) פראגראם פון די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) און ערלויבט דאס איינקויפן נאך סעקיוריטי באדערפענישן.

"אלץ ניו יארקער, איז נישטא עפעס מיט וואס מיר זענען מער שטאלץ ווי מיט די פארשידנהייטן אין אונזער באפעלקערונג", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "אונזער סטעיט איז שוין פון לאנג געווען א רעטונג'ס ארט פאר די וועלכע זענען גערודפ'ט געווארן צוליב די וועג וויאזוי זיי דאווענען, וועם זיי האבן ליב אדער פון וואו זיי קומען. טראץ אונזער איבערגעגעבנקייט צו יושר און פארשטענדיגקייט, וועלן שטענדיג זיין אזעלכע וועלכע זוכן צו מאכן מחלוקת'ן צווישן אונז. מיר וועלן קיינמאל נישט לאזן די שלעכטע פארשוינען אונז צו צורייסן, און די געלטער זענען קריטיש וויכטיג צו זיכער מאכן אז זיי קענען נישט."

לויט ווי עס איז אויסגעטייטשט געווארן אין די סטעיט געזעצן, מיינען האסע פארברעכנס אזעלכע וואס ווערן באגאנגען קעגן מענטשן, גרופעס פון מענטשן אדער אייגנטום צוליב א שיטה אדער גלויבונג איבער ראסע, אפשטאם, סעקס (זכר/נקבה), סעקסועלע אריענטאציע, רעליגיע אדער אנדערע אייגנשאפטן. די פארברעכנס האבן שלעכטע קאנסעקווענצן אויף גאנצע קאמיוניטיס, נישט נאר אויף די וועלכע ווערן געציהלט דורך זיי. ניו יארק סטעיט פאלגט נאך די אינצידענטן באזונדער פון אנדערע סארטן פארברעכנס כדי אז אנטוויקלונגען זאלן קענען נאכגעקוקט ווערן און אז פראדוקטיווע שריט זאלן קענען אונטערגענומען ווערן זיי צו פארמיידן.

**ניו יארק סטעיט אסעמבלי ספיקער קאַרל היסטי האט געזאגט,** "האסע האט נישט קיין פלאץ אין ניו יארק, און די אסעמבלי מאיאריטעט איז איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז אונזער סטעיט נעמט אויף יעדן איינעם. די געלטער וועלן גיבן פאר ארגאניזאציעס די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען פארבעסערן די סעקיוריטי קעגן די וועלכע זוכן צו אנזייען האסע און פארכט אין אונזערע קאמיוניטיס. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן זיך צו קעגנשטעלן צו האסע און זיכער מאכן אז יעדע ניו יארקער – אפגעזעהן פון ראסע, רעליגיע סעקסועלע אריענטאציע אדער אפשטאם – פיהלט זיכער אין זייער קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס פוירסט דעפיוטי קאמישאנער מאַרק אי. ווייט האט געזאגט,** "פובליק זיכערהייט און יושר גייען האנט ביי האנט. מיר האבן געזעהן איינמאל און נאכאמאל די קאנצעקווענצן פון אומפארטראגליכקייט, דיסקרמינאציע און פיינטשאפט, און אזעלכע אקטן קאסטן אפ סיי פינאנציעל און אויך דורך די טראומע וואס עס האט אויף מענטשן, זייערע באליבטע, קאמיוניטיס און אפילו סתם ביישויער. מיר באדאנקען גאווערנאר האוקאל פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פארמיידן די רשעות'דיגע אטאקעס דורכן צושטעלן געלטער צו אפשטעלן האסע פארברעכנס בעפאר זיי שפילן זיך אפ."

**פרעזידענט און גרונדער פון נאציאנאלע שריט נעטווארק (National Action Network), געהערטער אַל שאַרפּטאן, האט געזאגט,** "די תוצאה פון האסע און ראסיזם אין אונזער לאנד קומט צו אפט אין די פארעם פון געוואלדטאטן. די געוואלדטאטן טארן נישט איגנארירט ווערן אדער אפגעקערט ווערן אונטערן טעפעך, און איך טוה אויסלויבן די האוקאל אדמיניסטראציע פארן אנערקענען די אייגנארטיגע באדערפענישן פון די אפריקאנער-אמעריקאנער קאמיוניטי דורכן צושטעלן די געלטער פאר די זיכערהייט און סעקיוריטי פון אונזערע קאמיוניטי ארגאניזאציעס.

**פרעזידענט מאַרק מאָריעל פון די נאציאנאלע שטאטישע פארבאנד (National Urban League) האט געזאגט,** "עס איז נישט קיין סוד אז אפריקאנער-אמעריקאנער ווערן כסדר געציהלט דורך ראסיסטישע געוואלדטאטן און דיסקרימינאציע. עס איז א לעבנס-ערפארונג וואס ווערט געזעהן צו אפט אין צופיל פון אונזערע קאמיוניטיס. די נישט-פאר-פארדינסטן ארגאניזאציעס וועלכע זענען אויפגעשטעלט געווארן צו דינען אונזערע קאמיוניטיס זענען נישט קיין אויסנאם, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר האוקאל'ס ארויסגעוויזענע איבערגעגעבנקייט זיי צו באשיצן."

**CEO פון די UJA-פעדעראציע פון ניו יארק (UJA-Federation of New York), עריק ס. גאלדסטין, האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנאר האוקאל פארן ארויסגעבן די 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע פארברעכן' גרענט און פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן ניו יארק'ס נישט-פאר-פארדינסטן ארגאניזאציעס און העלפן האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער."

**JCRC-NY עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט און CEO, גידיען טעילאר האט געזאגט,** "ביז די היינטיגע טאג פון אנהויב 2021, האט די NYPD באריכטעט 450 האסע פארברעכנס, 158 פון די זענען געווען קעגן אידן. צום באדויער, האט די יאר אויך געבראכן רעקארדס פאר אנטי-אזיאנער, אנטי-קאטוילישע, אנטי-LGBT און אנטי-טרענסדזשענדער פארברעכנס. אפילו איין פארברעכן אויסגעפירט צוליב האסע איז צו פיל. פאר פילע יארן איז גאווערנאר קעטי האוקאל געווען א פירערין אין די קאמף קעגן האסע אין אונזער סטעיט. מיט די נייע רונדע פון SCAHC גרענטס וועט זי העלפן זיכער מאכן אז די וועלכע קומען אריין אין קאמיוניטי אינסטיטוציעס זאלן זיין פארזיכערט. מיר זענען דאנקבאר פון טיפן הארצן."

**פרעזידענט און CEO פון די LGBT נעטווארק (LGBT Network), דעיוויד קילמניק, PhD, האט געזאגט,** "די LGBTQ קאמיוניטי איז פאר צו לאנג געווען די ציהל פון האסע פארברעכן.די מערסטע טראגיש וואס מיר האבן געזעהן איז ווען די האסע איז ארויסגעקומען פינף יאר צוריק ווען כמעט 50 LGBTQ מענטשן זענען דערשאסן און געהרג'ט געווארן ביי די Pulse קלאב אין ארלענדאָו. אבער נאענטער צו אונז, האבן מיר געזעהן אן אויפשטייג אין האסע פארברעכנס קעגן LGBTQ ניו יארקער אין די לעצטיגע יארן.איך טוה לויבן גאווערנאר האוקאל פארן צושטעלן די גרענטס צו העלפן קאמיוניטיס זיך צו באשיצן פון האסע פארברעכן."

**הרב ירוחם זילבער, דירעקטאר פון ניו יארק רעגירונג פארבינדונגען ביי אגודת ישראל אין אמעריקע, האט געזאגט,** "מיט אנטיסעמיטיזים און האסע נאכאלץ אנוועזנד, צום באדויער, איז עס וויכטיגער פון סיי ווען אז אונזערע אינסטיטוציעס זאלן האבן די מעגליכקייט צו אונטערנעמען אלע נויטיגע שריט צו זיכער מאכן אז זיי זענען פארזיכערט ווי עס דארף צו זיין. מיר באדאנקען גאווערנאר האוקאל פארן אנערקענען די געפאר מיטן אנהויבן די קומענדיגע רונדע פון אפליקאציעס פאר געלטער פון די וויכטיגע סעקיוריטי גרענטס, און מיר ערמוטיגן אלע בארעכטיגטע קערפערשאפטן צו אפלייען."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די אזיאנער-אמעריקאנער פעדעראציע (Asian American Federation), דזשאָ-ען יו האט געזאגט,** "די אזיאנער-אמעריקאנער קאמיוניטי איז געציהלט געווארן דורך אן ערשיטערנדע אויפשטייג אין פיינטליכע אקטן פון געוואלדטאטן. אלץ ניו יארקער, איז אונזער זיכערהייט און סעקיוריטי וויכטיג, און דורכן צושטעלן די געלטער פאר ארגאניזאציעס וועלכע דינען אונזער קאמיוניטי באזונדער, האט גאווערנאר האוקאל ארויסגעוויזן ווי ערנסט זי נעמט די אנגעלעגנהייט."

**עוון ר. בערנסטין, נאציאנאלע דירעקטאר פון די קאמיוניטי סעקיוריטי סערוויס (Community Security Service), האט געזאגט,** "איך בין גאר פרייליך צו זעהן די נייע רונדע פון די גאר נויטיגע גרענט געלטער צו פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע. א דאנק אייך, גאווערנאר האוקאל און ניו יארק סטעיט, פארן פארזעצן די אונטערנעמונג אין א צייט ווען מיר זעהען אן אויפשטייג אין האסע פארברעכן. די קריטיש-וויכטיגע געלטער וועלן ערלויבן פילע נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציעס איבער די גאנצע סטעיט צו פארבעסערן זייער אינפראסטרוקטור און סעקיוריטי און זיך צו קענען אפגעבן מיט איבערפאלן און אטאקעס וועלכע ווערן פאררעכנט צו זיין פארברעכנס וואס איז פארמישט מיט האסע."

**מענעדזשינג דירעקטאר פון די ארטאדאקסישע פארבאנד (Orthodox Union), מאָורי ליטוואק, האט געזאגט,** "די עפענונג פון די גרענט פראגראם איז א קריטיש-וויכטיגע מיטל צו פארזיכערן קאמיוניטיס איבער די גאנצע סטעיט. גאווערנאר האוקאל'ס אנאנסירונג ווייזט ארויס ווי ערנסט איר אדמיניסטראציע זעהט די אלארמירנדע אויפשטייג אין אנטיסעמיטישע אינצידענטן אין ניו יארק און אנדערע האסע פארברעכנס. מיר באגריסן די עפענונג פון סעקיוריטי געלטער און די צוגעקומענע גרענט געלטער וועלכע וועלן העלפן באשיצן ניו יארקע פאמיליעס, קאמיוניטיס און אינסטיטוציעס."

**פרעזידענט און CEO פון די כינעזע-אמעריקאנע פלאנירנדע קאונסיל (Chinese American Planning Council), וועין האָ, האט געזאגט,** "מיט דעם וואס אנטי-אזיאנער האסע פארברעכנס שטייגן נאכאלץ העכער, איז עס וויכטיגער פון סיי ווען צו שטיצן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו סערוויסעס צוגעפאסט פאר געוויסע קולטורן און שפראכן. איך וויל באדאנקען גאווערנאר האוקאל פארן אונטערנעמען שריט צו באשיצן אזיאנער-אמעריקאנער קאמיוניטי ארגאניזאציעס אין אונזער סטעיט און פארן מאכן די אנגעלעגנהייטן פאר א פריאריטעט פאר איר אדמיניסטראציע."

דורך די לעצטע רונדע פון געלטער, וועלן סומעס ביז אזויפיל ווי $50,000 געשאנקען ווערן צו שטיצן צוויי-יאריגע קאנטראקטן וועלכע זענען ערווארטעט זיך אנצוהויבן אין יוני 2022. די געלטער קענען גענוצט ווערן צו דעקן דרויסנדיגע אדער אינעווייניגע סעקיוריטי פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג באלייכטונג שלעסער, אלארמען, פאניק קנעפלער, צוימען, ווענט, צוטריט קאנטראל, גלאז וואס צושיסט זיך נישט, צודעקונגען וועלכע זענען שטאנדהאפטיג קעגן אויפרייסן און פובליק אדרעסירונג סיסטעמען. די געלטער קענען אויך דעקן קאסטן פארבינדן מיט סעקיוריטי טרענירונג.

בארעכטיגטע ארגאניזאציעס קענען אריינגעבן ביז דריי אפליקאציעס פאר א מאקסימום פון $150,000. יעדע געביידע וועט פאדערן א באזונדערע אפליקאציע. געביידעס וועלכע האבן באקומען אין די

פארגאנגענהייט 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע פארברעכנס' פראגראם געלטער זענען נישט בארעכטיגט; ארגאניזאציעס קענען אבער אפלייען פאר מער פון איין געביידע.

אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן צו די DCJS ביז פרייטאג, יאנואר 7, 2022. באזוכט די Grants/Funding בלאט פון די DCJS'ס וועבזייטל צו זעהן די פאדערונגען צו זיין בארעכטיגט, אנווייזונגען און נאך אינפארמאציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov